**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/15/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול באגרוסט די 2023 PGA טשעמפיאנשיפ אין ראטשעסטער**

***2023 פארמעסט צייכנט אפ פערטע PGA טשעמפיאנשיפ אין ניו יארק'ס פינגער לעיקס ראיאן***

***וועלט'ס-בארימטע ספארטס געשעעניש ערווארטעט צו צוציהען מער פון 225,000 צושויער, ברענגענדיג שטארקע עקאנאמישע שטופ פאר די פינגער לעיקס ראיאן***

***ניו יארק סטעיט טעיסטינג יארד פארגעשטעלט דורך Taste NY און I LOVE NY וועלן פארשטעלן לאקאל-געמאכטע פראדוקטן און זאכן פאר טוריסטן דורכאויס די גאנצע וואך***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט באגרוסט די גאלף שפילער און באזיכער וועלכע זענען געקומען פאר די 2023 PGA טשעמפיאנשיפ אין די Oak Hill Country Club אין ראטשעסטער, מיט די פארמעסט זיך אנהויבנדיג דאנערשטאג, מאי 18. די איין וואכיגע געשעעניש איז ערווארטעט צו האבן א געשאצטע עקאנאמישע השפעה אין די ווערט פון 190 מיליאן דאלאר אין דירעקטע, אומדירעקטע שפענדונגען, מיט מער פון 225,000 צושויער ערווארטעט זיך צו באטייליגן. דאס וועט האבן א דראמאטישע עקאנאמישע השפעה, אזוי ווי באזיכער וועלן עסן און איינשטיין אין די ראיאן, שטיצן לאקאלע ביזנעסער און ארומגיין זעהן אלעס וואס פינגער לעיקס האט צו אפפערן. די געשעעניש צייכנט אפ די פערטע מאל וואס Oak Hill האט אפגעהאלטן די PGA טשעמפיאנשיפ; די פארמעסט איז די לעצטע מאל אפגעהאלטן געווארן דארט אין 2013.

"די PGA טשעמפיאנשיפ איז איינס פון אונזער לאנד'ס מערסט פראמינענטע ספארטס געשעענישן, פייערנדיג די מערסטע טאלאנטפולע און פארמעסטנדע גאלף שפילער אין די וועלט, און מיר זענען גאר באגייסטערט צו פארזעצן איר לאנגע היסטאריע אין ניו יארק סטעיט מיט די היי-יאריגע פארמעסט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט וועלט'ס-בארימטע ספארטסלער און מער פון 225,000 צושויער ערווארטעט זיך צו באטייליגן, וועט די געשעעניש נישט נאר ארויפלייגן ראטשעסטער אויף די גלאבאלע פלאטפארמע, נאר עס וועט אויך גיבן אן עקאנאמישע שטופ פאר די גאנצע פינגער לעיקס ראיאן. איך בין שטאלץ צו באגרוסן גאלף אנהענגער פון ארום די וועלט צו זעהן ניו יארק'ס אטעם-פארכאפנדע נאטורליכע שיינקייט און לעבהאפטיגע לאקאלע ביזנעסער, און איך מוטיג זיי זיך צו אפשטעלן ביי אונזערע Taste NY און I LOVE NY קיאסקס צו לערנען מער איבער אלעס וואס אונזער סטעיט האט צו אפפערן."

אין צוגאב וועט ניו יארק סטעיט'ס שותפות מיט די PGA of America פארזעצן אין 2025 מיט די 45'סטע 'ריידער קאַפּ' פארמעסט באשטימט צו אפגעהאלטן ווערן ביי די בעטפעידזש סטעיט פארק אין פארמינגדעיל.

**PGA of America טשעמפיאנשיפ דירעקטאר, ברייען קארנס, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו האבן נאך א געלעגנהייט צו פארזעצן די געוואלדיגע ירשה פון PGA of America

טשעמפּיאנשיפּס וועלכע ווערן אפגעהאלטן אין ניו יארק סטעיט. מיר זענען פארבינדן דורך אונזער פארגאנגענהייט, מיט די גרינדונג פון די PGA אין ניו יארק סיטי אין 1916; דורך אונזער געגנווארט, אזוי ווי מיר האלטן אפ די 13'טע PGA טשעמפּיאנשיפּ אין די עמפּייער סטעיט די וואך; און דורך די צוקונפט, מיט לאנג איילענד אפהאלטנדיג די גרעסטע געשעעניש אין גאלף, די 'ריידער קאפּ' פארמעסט. ניו יארק סטעיט האט אוועקגעשטעלט א סטאנדארט פאר וויאזוי צו אפהאלטן גרויסארטיגע טשעמפּיאנשיפּ גאלף פארמעסטן, און די וואך וועט נישט זיין קיין אויסנאם אזוי ווי מיר ווייזן ארויס די בעסטע וואס ניו יארק האט צו אפפערן פאר די גאנצע וועלט."

**עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט איז גאר שטאלץ צו באגרוסן די PGA, אירע מיטגלידער און די פילע טויזנטע באזיכער וועלכע קומען אהער פאר די איין וואכיגע געשעעניש אין Oak Hill Country Club אין ראטשעסטער. דורכן שטיצן וועלט'ס-בארימטע געשעענישן ווי דעם, באקומען מיר די געוואלדיגע געלעגנהייט צו ארויסווייזן די הערליכע פינגער לעיקס ראיאן צו גלאבאלע צושויער, מיטטיילנדיג די פילע ביזנעסער, אטראקציעס און היימישע עסנווארג און געטראנקען וועלכע מאכן אונזער ראיאן אייגנארטיג."

די ניו יארק סטעיט טעיסטינג יארד וואס איז אויפגעשטעלט געווארן דורך Taste NY און I LOVE NY איז א דרויסנדיגע אויפגעשטעלטע טעראסע צו אויספרובירן עסנווארג און געטראנקען ביי Oak Hill. עס וועט ארויסשטעלן די בעסטע פון ניו יארק סטעיט'ס אגריקולטור, מיט א טוישנדע רייע פון עסנווארג און געטראנקען פון מער פון 100 ניו יארק סטעיט וויין פראדוצירער, ברייערייען, סיידער, מעד, ברוינפן און עסנווארג פראדוצירער, און עס וועט פארשטעלן די סטעיט'ס ערשט-קלאסיגע אטראקציעס און דעסטינאציעס. די ערפארונג וועט גיבן פאר די טשעמפּיאנשיפּ באזיכער א טעימה פון ניו יארק'ס ערשט-קלאסיגע אגריקולטורישע פראדוקטן און געקעכצן און א בליק אויף די פארשידנארטיגקייט פון די פארמס, וויין גערטנער, ברייערייען און אטראקציעס אריבער די סטעיט.

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמישאנער, ריטשארד א. באל, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו ארויסלייגן די אויסגעצייכנטקייט פון ניו יארקע אגריקולטור אויף אויסשטעלונג ביי די היי-יאריגע PGA טשעמפּיאנשיפּ אין ראטשעסטער. א דאנק אונזערע שטארקע שותפות'ן מיט די PGA of America, I LOVE NY און עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט, וועט די ניו יארק סטעיט טעיסטינג יארד זיכער מאכן אז ניו יארק'ס פארשידנארטיגע געשמאקע עסנווארג און געטראנקען וועלן זיין אין פארנט און אין צענטער ביי איינס פון די הויפט פארמעסטן אינעם לאנד, גיבנדיג פאר אונזערע פראדוצירער א געלעגנהייט זיך צו פארבינדן מיט טויזנטע באטייליגטע פון ארום די וועלט."

**עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריזם, ראס ד. לעווי, האט געזאגט,** "אזוי ווי גאלף שפּילער און אנהענגער קומען זיך צוזאם צו די פינגער לעיקס פאר די PGA טשעמפּיאנשיפּ, וועט I LOVE NY זיין ביי די Oak Hill Country Club צו העלפן באזיכער לערנען מער איבער די געוואלדיגע אטראקציעס אין די ראיאן און אריבער די סטעיט, ווי ערשט-קלאסיגע גאלף קורסעס, פאנאראמישע דרויסנדיגע פארוויילונג ערטער און געוואלדיגע ספארטס 'האָל אוו פעים'. אלץ איינס פון די פיר גרויסארטיגע פארמעסטן אין גאלף, אפפערט די PGA טשעמפּיאנשיפּ א געוואלדיגע געלעגנהייט צו מיטטיילן די אטראקציעס, עסנווארג און געטראנקען וועלכע מאכן ניו יארק סטעיט פאר די דעסטינאציע פאר רייזנדע צו טרעפן דאס וואס זיי האבן ליב."

די ניו יארק סטעיט טעיסטינג יארד וועט האבן פרישע, אייגנארטיגע פראדוקטן פון מער פון 100 ניו יארק סטעיט עסנווארג און געטראנקען פראדוצירער, אריינרעכענענדיג היימישע ביר און ברוינפן, וויינען, געפאקטע סנעקס, סאלסא, נאכשפייז און ענערדזשי באַרס. בילדער פון די טעיסטינג יארד זענען פאראפנטליכט דא. די טעיסטינג יארד רעכנט אריין עטליכע ספעציעלע פלעצער און סעילס וועלכע וועלן אריינציהען באזיכער צו ניו יארק סטעיט'ס אגריקולטורישע און טוריסטישע אפפערס. זיי רעכענען אריין:

- די **Taste NY טעיסטינג באר,** פארשטעלנדיג אן איסוואהל פון עסנווארג און געטראנקען סעמפלס פון ניו יארק סטעיט פראדוצירער.
- די **I LOVE NY לאַונדזש,** וואו געסט קענען געניסן פון זייערע סעמפלס בשעת'ן לערנען מער איבער ניו יארק סטעיט אטראקציעס און אפנעמען אן I LOVE NY אנדענק.
- די **I LOVE NY בילד קיאסק,** גיבנדיג געסט די געלעגנהייט זיך צו שטעלן פאר א בילד אין פארנט פון א סקולפטור מיט די אייקאנישע I LOVE NY סימבאל און צו באקומען אן I LOVE NY און PGA-טעמע דיגיטאלע פאסטקארד.

די ניו יארק סטעיט טעיסטינג יארד וועט זיין אפן פון מאי 15-17 פון 9:00 אינדערפרי ביז 6:30 אוונט, מאי 18-20 פון 9:00 אינדערפרי ביז 7:00 אוונט, און מאי 21 פון 9:00 אינדערפרי ביז 6:00 אוונט. א סקעדזשול פון אנטיילנעמנדע פראדוצירער איז פארעפנטליכט [דא](#).

היי יאר צייכנט אפ די 10'טע יארטאג פון Taste NY, ניו יארק סטעיט'ס פראגראם צו אדווערטייזן לאקאלע עסנווארג און געטראנקען. פריער דעם יאר האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז Taste NY איז געוואקסן באדייטנד זינט עס איז געעפנט געווארן אין 2013, ארייננברענגענדיג איבער 100 מיליאן דאלאר אין די עקאנאמיע פאר ניו יארק סטעיט פראדוצירער אין לויף פון די 10 יאר פון דעם פראגראם. דורכאויס די לעצטע צען יאר האט Taste NY אריין אין שותפות'ן מיט עטליכע הויפט ספארטס און אזוי אויך מיט הויכגעשעצטע געשעעניש ארגאנעזירער צו ברענגן Taste NY פראדוקטן צו הויפט ספארטס געשעענישן אריינרעכענענדיג די PGA טשעמפיאנשיפ.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטאריע אפהיטונג קאמישאנער, עריק קאָלעסייד, האט געזאגט,** "עס ברענגט אונז שטאלץ צו האבן ניו יארק סטעיט אפהאלטנדיג די גרויסארטיגע טשעמפיאנשיפ צוויי מאל יעצט אין די לעצטע פינף יאר. אנהענגער און שפילער האבן אנטדעקט די געוואלדיגע קורסעס פון איין עק פון אונזער סטעיט צו די אנדערע. מיר זענען באגייסטערט מיט אונזער שותפות מיט די PGA of America צו פארזעצן ווען מיר וועלן זיי ווידעראמאל באגרוסן ביי די 2025 'ריידער קאָפּ' אין בעטפעידזש סטעיט פארק."

**סטעיט סענאטאר דזשערמי קוני האט געזאגט,** "די אויגן פון די ספארטס וועלט וועלן זיין אויף די גרעיטער ראטשעסטער ראיאן פאר די PGA טשעמפיאנשיפ. ווייטער פון די '18'טע לאך' וועלן מיר אויך ארויסווייזן פארוואס די פינגער לעיקס ראיאן און אירע ערשט-קלאסיגע אוניווערסיטעטן און ביזנעס קאמיוניטי זענען גרייט פאר אינוועסטירונג און זענען שוין יעצט א בליהענדע חלק פון ניו יארק'ס ערפינדונגען עקאנאמיע."

**סטעיט אסעמבלי מיטגליד הערי בראנסאן האט געזאגט,** "די PGA שותפות ברענגט מיט זיך א פרעצעדענטלאזע סומע פון עקאנאמישע אינוועסטירונג און וואוקס צו מאנראו קאונטי, און די ברייטע השפעה אויף די קאמיוניטי קען נישט איבערגעטריבן ווערן. דאס איז באזונדערס וויכטיג פאר אונזערע קליינע ביזנעסער. די פינגער לעיקס ראיאן איז א צענטער פאר א ברייטע רייע פון זעלבסטשטענדיגע באַרס, רעסטוראנטן, געשעפטן און נאך, און זיי זעהען א באדייטנדע פלוס פון פארדינסטן א דאנק די PGA טשעמפיאנשיפ. די PGA טשעמפיאנשיפ ברענגט אויך אינטערנאציאנאלע אויפמערקזאמקייט צו די וואונדערבארע זאכן וואס קומען פאר אין אונזער ראיאן, און עס מוטיגט פירמעס פון אלע מאסן און גרויסקייטן צו אינוועסטירן אין ראטשעסטער און די ארומיגע קאמיוניטיס."

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו עדעם בעלאו האט געזאגט,** "די PGA טשעמפיאנשיפ איז מער פון א בארימטע גאף געשעעניש: עס איז אויך א באדייטנדע עקאנאמישע שטופ פאר אונזער ראיאן. מיט

חודשים פון פארברייטונגען דורך אונזערע האטעלן, רעסטוראנטן, קולטורישע אטראקציעס און קליינע ביזנעסער הונטער אונז, זענען מיר מער פון גרייט צו אפהאלטן די ערשט-קלאסיגע פארמעסט און אויפנעמען אלע פון אונזערע באזיכער צו מאנראו קאונטי. איך בין דאנקבאר פאר די PGA of America פארן צוריקקומען צו Oak Hill Country Club צום פערטן מאל און פארן אונז גיבן די גוואלדיגע געלעגנהייט צו ווייזן די וועלט וואס פאר א גוואלדיגע פלאץ מאנראו קאונטי איז צו וואוינען, ארבעטן און באזוכן."

**גרעיטער ראטשעסטער טשעימבער אָוו קאמערס (Greater Rochester Chamber of Commerce) פרעזידענט און CEO, באב דאָפּי, האט געזאגט,** "די PGA 2023 טשעמפּיאנשיפּ אין Oak Hill Country Club איז א גוואלדיגע געלעגנהייט צו ארויסווייזן גרעיטער ראטשעסטער וואס געפונט זיך אין די הארץ פון די הערליכע פינגער לעיקס וויין ראיאן. עס איז נישטא קיין בעסערע וועג צו ארויסווייזן אונזער ראיאן ווי מיט די ניו יארק סטעיט טעיסטינג יארד וואס וועט ערלויבן מער פון 225,000 צושויער צו זעהן די פראדוקטן פון אונזערע ערשט-קלאסיגע פארמס, וויין גערטנער, ברייעריייען, ברענערייען און אנדערע אגריקולטורישע אינסטיטוציעס. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר שטיצע פון די באגייסטערנדע און איינפלוסרייכע געשעעניש, און איך קוק ארויס צו באגרוסן באזיכער און צושויער פון ארום די וועלט."

**Greater Rochester Enterprise פרעזידענט און CEO, מעט הוירלבאָט, האט געזאגט,** "אזוי ווי די בעסטע גאלף שפילער קערן זיך צוריק צו Oak Hill Country Club זיך צו פארמעסטן פאר די 2023 PGA טשעמפּיאנשיפּ, געפונט זיך די גרעיטער ראטשעסטער, NY ראיאן הויך אויף די ליסטע פון די לאנד'ס פירער אין ביזנעס וואוקס און ערפינדונג. פארגעשריטענע טעכנאלאגישע עסנווארג און געטראנקען מעניופעקטשורינג פירמעס, ווי Constellation Brands ,The Coca-Cola Company, HP Hood און Wegmans, וואקסן אין ראטשעסטער. טאלאנט, טעכנאלאגישע ערפינדונגען און א ביזנעס גייסט זענען בלויז א חלק פון די אייגנשאפטן וואס שטופן פירמעס צו אינוועסטירן און שאפן דזשאבס דא. די גרויסע פארמעסט איז א געלעגנהייט צו שיינען אן אינטערנאציאנאלע ליכט אויף די מערערע סיבות פארוואס ראטשעסטער, ניו יארק, איז די ריכטיגע פלאץ פאר גאלף טשעמפּיאנשיפּס און אזוי אויך די ריכטיגע פלאץ פאר ביזנעסער צו וואקסן און אויסנוצן די לאקאלע גאר פעהיגע ארבעטסקראפט."

**Visit Rochester (באזוך ראטשעסטער) פרעזידענט און CEO, דאן דזשעפריס, האט געזאגט,** "די PGA טשעמפּיאנשיפּ איז א וועלט'ס-בארימטע געשעעניש וואס שיינט די ליכט אויף ראטשעסטער און ניו יארק סטעיט. די געשעעניש וועט נישט נאר ברענגען הונדערטע טויזנטע באזיכער קיין ראטשעסטער, נאר עס וועט אויך אויפטרייבן כמעט 200 מיליאן דאלאר אין אן עקאנאמישע השפעה און שפענדונג פאר אונזער ראיאן. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר שטיצע פון די געשעעניש און די טוריזם אינדוסטריע אין אלגעמיין."

**דזשענעסי וואלי ראיאנישע מארקעט אויטאריטעט (Genesee Valley Regional Market Authority) אדמיניסטראטאר, ברענדען טיידינגס, האט געזאגט,** "עס איז דא אסאך מיט וואס צו שטאלצירן ווען עס קומט צו ניו יארקע אגריקולטור, און די ניו יארק סטעיט טעיסטינג יארד ביי די PGA טשעמפּיאנשיפּ איז א גוואלדיגע וועג דאס ארויסצווייזן. מירבאדאנקען Taste NY און די דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets) פארן ארויסווייזן אלעס וואס די ראיאן האט צו אפפערן און ארויסשטעלן אזויפיל גוואלדיגע לאקאלע פראדוקטן. די ווארעמקייט און איבערגעגעבנקייט פון אונזערע לאקאלע פראדוצירער איז באמת אן אינספיראציע און עס שפילגט זיך אפ אין די קוואליטעט פון זייערע פראדוקטן. א דאנק אויך פאר Oak Hill און פאר די PGA טור פארן אונז גיבן די פלאטפארמע צו קענען אנקומען צו טויזנטע מענטשן. מיר זענען זיכער אז די וועלכע קומען אהער

פון נאענט און ווייט וועלן ליב האבן וואס Taste NY האט צו אפפערן, און מיר האפן אז אלע וועלן פארזעצן צו שטיצן די ניו יארק-פראדוצירטע פראדוקטן."

**מארקעט מענעדזשער פון די פינגער לעיקס אויפנאמע צענטער (Welcome Center), דזשעניפער קיים, האט געזאגט,** "דער Taste NY פראגראם זייענדיג א טייל פון די PGA טור איז א גרוואלדיגע געלעגנהייט פאר אונזערע געשעפטן אריבער די סטעיט. עס ערלויבט ניו יארק סטעיט צו אדווערטייזן די שפע פון אונזערע ראיאנען, פון היימיש געמאכטע געטראנקען ביז קעז, קאווע, שאקאלאדע און אזויפיל מער! ערלויבן אונזערע געשעפטן זיך צו באטייליגן אין די געשעעניש וועט זיי גיבן אסאך אויסשטעלונג איבער די וועלט און די פאטענציאל צו קענען אנקומען צו א גענצליך נייע באפעלקערונג. מיר האפן אז יעדער איינער האט די געלעגנהייט צו אויספרובירן Taste NY, און מיר וואונטשן פיל גליק פאר אלע פון די ספארטסלער."

פאר מער אינפארמאציע איבער די עקאנאמישע השפעה פון די PGA 2023 טשעמפיאנשיפ, באזוכט [דא](#).

**איבער די PGA טשעמפיאנשיפ**
זיך פארמעסטנדיג יעדע מאי, איז די PGA טשעמפיאנשיפ די צווייט-גרעסטע פארמעסט אין גאלף'ס יערליכע ראטאציע, און שטעלט יערליך פאר די שטערקסטע פעלד אין די מענער'ס שפילן באזירט אויף די אפיציעלע אלוועלטליכע גאלף רענקינגס. באקאנט פאר דראמאטישע ענדעס און מערקווירדיגע זיגער, איז די Wanamaker Trophy אויסצייכענונג – ווערנדיג געגעבן פאר דעם געווינער זינט 1916 – איינגעקריצט מיט נעמען ווי קעפקע, מעקאילרוי, וואודס, מיקעלסאן, ניקלאוס און פלעיער. אלץ די איינציגסטע גרויסע טשעמפיאנשיפ פאר פראפעסיאנאלן, דורך פראפעסיאנאלן, האט די PGA טשעמפיאנשיפ א שטארקע איינפלוס אויף די צוקונפט פון אונזער ספארט, גיבנדיג אינספיראציע פאר אלע פון אונז דורכן שטעלן גאלף'ס שטערקסטע שפילער איינער קעגן דעם אנדערן און אונז ווייזן די PGA פראפעסיאנאלן וועלכע זענען די רוקן ביין פון די שפיל.

**וועגן טעיסט ניו יארק**
[Taste NY](#) טוט ארויסברענגען די קוואליטעט, פארשידנארטיגקייט, און עקאנאמישע איינפלוס פון עסן און טרינקען געוואקסן, פראדוצירט, אדער פראצעסירט אין ניו יארק סטעיט. טעיסט ניו יארק צילט צו שאפן נייע געלעגנהייטן פאר פראדוצירער דורך אווענטן, ריטעיל לאקאציעס, און שותפות, אזוי ווי ביי די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר און די בארקלעיס טורנעמענט ביי בעטפעידזש סטעיט פארק. דורכאויס די לעצטע צען יאר, האט טעיסט ניו יארק געהאלפן כמעט 2,000 עסן און טרינקען פראדוצירער אנטיילצונעמען אין די פראגראם דורך ריטעיל אויטלעטס, אווענטן, און ספאנסארשיפס. אין 2022, האבן 311 נייע פראדוצירער אריינגענומען געווארן צו די פראגראם דורך ניו יארק'ס אויפנאם צענטערן. טעיסט ניו יארק'ס עסן און טרינקען ביזנעסער העלפן אויך די סטעיט פארמער דורך נוצן ניו יארק געוואקסענע און פראדוצירטע באשטאנדטיילן אין זייערע פראדוקטן.

**וועגן ניו יארק סטעיט**
ניו יארק סטעיט איז א פרעמיע וואקאציע פּארציל מיט ערשט-קלאסישע אטראקציעס, בילדערישע נאטירלעכע שיינקייט, לאקאלע מקור מאכלים, און א בליענדיגע געניטע געטראנק סצענע, אן אויסוואל פון געלעגערס, און איקאנישע, גאנציאריגע פעסטיוואלן און געשעענישן. ס'איז 11 פארשידענע וואקאציע ראיאנען וואס צייגט טייל פון דער וועלטס בעסטע ביטשעס, צוויי פון אמעריקע'ס הויפט דריי באליבסטע סטעיט פארקס; אטעם-פארכאפנדיגע ניאגארא פאלס; מער סקי ערטער פון אלע אנדערע סטעיטס; איינע פון דעם לאנדס לענגסטע בלעטערוואקס סעזאן; עטלעכע כבוד גאלעריעס; צפון אמעריקעס לענגסטע, שנעלסטע און העכסטע זיפליין (פארן אויף א דראט); דער גרעסטער פובליק געשיצטע ארט אין דער קאנטינענטאל US; און דאס לאנדס לענגסטע מולטי-באניץ סטעזשקע. לייג צו דער סטעיט׳ס מוזעאומס,

היסטארישע מערקפונקטן, קולטורעלע ערטער, באַחנ׳טע קליינע שטעטלעך און גרויס-שטאטישע שפיל פלעצער, און עס איז קיין וואונדער נישט אז ניו יארק ווערט אויף א כסדר׳דיגן אופן אויסגעוועלט אלס א העכסט-ראנקירטע וואקאציע ארט דורך רייזע אויסגאבעס און מבינים. צו העלפן אייך פלאנירן אייער נעקסטע ניו יארק סטעיט וועקאציע, באזוכט www.iloveny.com.

**איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**
עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. די מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר׳ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורכן נוצן הלוואות, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארמערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און שטיצן בליהענדע קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוט אויפזען אויף די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די ׳איי לאָוו ניו יארק׳, די סטעיט׳ס איקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן